אין אין דער זעלבגי הערבריג וואר אך איין מכטיגי אשה חשובה מיט נאמין אסתר בת ר׳ ליב הלוי ממשפחת הורוויץ אשת הקצין ר׳ ליב רוזן בורג [13] בת מקהלתנו יצ״ו, וועלכי מיט אונטר שידליכי סחורות נאך ווין צי הנדלן, אונד בייא שרים ושרות צו פרזילברן פלעגט. וויא זיא דיא תפיסה פין ר׳ שמואל פין דען וכטמיינסטר ליידננט ערפארין הוט, זא ערשרעקט זיא גאר זער אין פראגט אים פר וואש און אויז וואש פר איין בפעהל ער ר׳ שמואל לכלל תפיסה גנומן הוט. דער וכטמיינסטר ליידננט אבר איר ניקס זאגין וואלין ענטליך אויף איר גרוסן שטרקן לאמענטירען אין ביטן זאגט ער איר דש עש אויז בעפעל דעש שטאטקמנדנט אכילי זיי געשעהן.

זא ארויף הוט דיא אסתר דען וכטמיינסטר ליידננט ר׳ שמואל זיינה כתבים אלש געבן הוץ זיין קאשטיל ווא ארינן עטליכע טויזנט טאליר געלט געוועזין איז צי דיא אלט שול וקיומים דש הוט זיא ניט וועלין געבין און דערפיר ערבות גטון.

אין צווישן איז דער ר׳ אברהם מעץ אך לתפיסה קומן, און דער בחור הירש דערקיגן פטור גווארן. זא זעטצט מן הקצין ר׳ שמואל טויסק אין איין קליינש חדר אין דער תפיסה בשוק פיטרהוף אויף דער הויפט וכט סגור ומסוגר, אפילו דיא פענשטר וועלכי אייזרני גיטטער גהאט האבן, מיט אייזרי לעדין פרשלאסין אין פר אים אין דער תפיסה איין בעל מלחמה מיט איין בלוסן שווערט גשטעלט אום משמר צי זיין אין קיין מענטש אפילו דיא אשה אסתר ניט צי אים לאזין וואלין.

אין דען בעמעלטען ר׳ אברהם אין איין בזונדרי תפיסה צי דיא בעלי מלחמות גגעבען זא לויפט דער בעמעלטע חיים טויסקי צי הקצין המפורסם ר׳ מענדל אופנהיים [14] אין שרייאט אין וויינט אין דרצילט אים וויא עס מיט הקצין ר׳ שמואל טויסק אהער גיהט. אין ערביטט דאס ער זאלטי צי דען בעמעלטן מארקעז אכיל גין אין איהמי פיספלנד ביטן דס ער אים זאגען זאל וואש דען הקצין ר׳ שמואל גזינדיגט הט אין ווארום ער תפוס גווארן.

זא גינג אך הקצין ר׳ מענדל וויא אך האשה אסתר צי גימעלטן מארקעז אכיל אין ביטיטן אים, ער זאלטי זיא דיא זאך צי ווישן מכין. דער מארקעז אבער גאב זיא אנטוורט. ער וויש ווייטער ניקש ווארום, זונדירן עס

---

[13]) אולי הוא חד מהנהו ר׳ ליב רוזנברג שנזכרו אצל Hock צד 235.

[14]) אודותיו עיין בספרו של החכם קויפמאנן Samson Wertheimer צד 47 הערה 1 ונוסח מצבתו נדפס ע״י פראנקל בס׳ Inschriften סי׳ 340.

וואהר איהם מאדונינו הקיסר יר״ה וויא ער גסטרן אין דר נכט די גווינליכי פאראלע אפצי האלן גנגן, אליר גגעדישט אן בפוהלן ווארדן. אבר דיא אורזך וויש ער ניט.

זא ביטי דיא אשה אסתר נאכאמאל ער זאלטי איהר ערלויבן אין דיא תפיסה צי ר׳ שמואל צי גיהן דערמיט דא אים טריסטין קענט, דש ער זיך קיין צער זאל צים הרצן נעמין, אין אך גבעטין דש ער ערלויבן זאל דש דר היים טויסקי זאל מעגען אין דיא תפיסה עסין ברינגן, וויל קיין אנדרר אלש איין יהודי דש עסין ברענגין מוז. זא האט דער מארקעז זאלכעס ביטן איהר ערלויבט, בתנאי דש זיא קיין לשון הקודש, זאנדערן טייטש מיט איהם רידין זאל, דערמיט דער שומר דיא רייד פערשטעהן זאל.

זא גינג דיא אשה אסתר אין דער תפיסה צי ר׳ שמואל אין ביטט ר׳ שמואל דיא אשה אסתר זיא זאל וועגען זיינר צי אירי בקנטי שררות גין אין פין אינן אויזנעמין ווארום ער תפוש איזט ווארדן מה פשעו ומה חטאתו. וביום ו׳ ערב שבת קודש ו׳ טבת הט דיא אשה אסתר ערפרין דש הקצין ר׳ שמאל ווער אן געבין ווארדן בייא אדונינו הקיסר יר״ה דש ער העטי קרושבענדירט אין בריב גוועקסעלט אין פרנקריך.

דרויף גינג זיא גלייך צי טיטיל אירה עקסילענץ הערן גראף קינצקי קנצלר [15] יר״ה, וויל דר זעלביגי הקצין ר׳ שמואל גר וואלבקננט איז אין ניקס איבלעס אויף אים כל ימיו ערפארין, והשר ההוא איז אן זיך זעלבן איין גרושר חכם ומבין, אין וואש וואול, דש בעוה״ר בייא אונז יהודי׳ איינר דען אנדרן קיין גדולה פר גינט, אין איינער איז דען אנדרן משפיל מיט עלילות ושקרים. אין זיא גינג אויך צי איהרע עקסילענץ דיא פרוויטיבטי פרוי גראפין פין מארטיניציק [16], אין צי איהרע עקסילענץ די פרוויטיבטי פרוי גראפין פין ווייסן וואלף [17], אין צי איהרע עקסילענץ דיא פרוויטיבטי פרוי גראפין פין טורהיים [18], אין פר זיא ביטרליך גווינט אין גבעטין, זיא זאלטין אצל אדונינו החסיד הקיסר יר״ה איין הויך אן זעהנליכי פרביטט טהון, דאמיט הקצין ר׳ שמואל במשפט גהערט ווערדן זאל, וויל דעמי ניט אלזוי איז, זונדערן ער זיך אין דר זאך גניץ גריכט וויש.

דיא שרים ושרות האבין דר אשה אסתר צי ענטפרט געבן מען זאל איין מעמאריאל אן אדונינו הקיסר יר״ה פרפרטיגן, אן דיזי איר בענעהרן אצל אדונינו הקיסר יר״ה אינטרטעניגסט זוכן אין זיא וואלטן אויך גוטין דר

---

[15] Graf Wenzel Norbert Kinsky Oberstkanzler.

[16] Gräfin von Martinitz.

[17] Gräfin Weissenwolf.

[18] Gräfin von Thürheim.

בייא טוהן, אבר טייל שרים האבן דש פֿלשי אנברענגין גינלויבט אונד דיא אשה אסתר געוואָרנד, דש זיא אין דיא זכין ניקש רידין אין איין מישן זאל, דש זיא דורך זיינר אך ניקש איין ביסן זאלטי.

זא גינג דיא אשה אסתר ווידר צו הקצין ר׳ שמואל אין דר תפיסה אין דרציילט אים דיא ריד פֿין די שרים ושרות, הוט ר׳ שמואל בפֿולין, ווייל דר גראף זווירבי [19] אַפעליציאָן ראַט טיטול פֿין פראג היצינד אלהיר אין ווין איזט, זאל מען זעהן דורך איהם איין שטיפֿעט נאך פראג צי שיקען אין זיין שקר בלבול מודיע זיין.

זא שרייבט היים טויסק איין אויזפֿיהרליכן בריב אן הקצין ר׳ אברהם בן הקצין ר׳ ליברמן ל״ש ט״ה [20], וויא עש מיט ר׳ שמואל שטיט אין פרלנגט למען ה׳, מיט הכמים ונבונים איין עצה צי הלטין אין צווייא פֿרנעהמי אנזעהנליכי לייט אין שתדלנות צי שיקען נאך ווין דערמיט מען ר׳ שמואל נעביך קען מציל זיין פֿין זאלכי עלילות שקר, אין זאלכי בריב שיקטי דער גנעדיגי הער גראף זווירבי מיט איין שטופֿעט לפראג. ביום א׳ ה׳ טבת זיין דיא בריב אויף פראג אן קומין אין וויא הקצין ר׳ אברהם ל״ש דען בריב ערעפֿנט אין גלייאנט, איז ער גרויזימליך דערשראקין, אין גינג גלייך להראש הקצין הרב מהור״ר היים טודרוס [21] אין לייאנט איהם דיא ביזי בשורה פֿאָר, וויא הרב ר׳ היים דש הערט טהעט ער ביטרי שרייא אין זאגט ווי גשריען, דש שקר בלבול בעטרעפֿט ניט הקצין ר׳ שמואל אליין, זונדערן אלי יהודים בכל תפוצות ישראל.

זא הט הרב ר׳ היים מיט הקצין ר׳ אברהם ל״ש עצה גהאלטין, אין זאגין הש״י ב״ה ב״ש ווערד בייא אונ׳ מיט אינש זיין וועלכר איין גריכטן ניט פֿרלשט. אין שיקן גלייך אין ליסן צי אננדר ריפֿן מער הכמים ונבונים ואוהבי הקצין ר׳ שמואל עצה צי שליסן אין צי הלטין, ה״ה הראש הקצין ר׳ יעקב ירושלמי [22] והקצין ר׳ ליב קרפלש [23] והקצין ר׳ ליזר ווינר והקצין ר׳ ליב ווינר ור׳ גומפרכט לייטמריץ [24] מליין, איז בייא אינן מוסכם געבליעבען, ווייל מיר פֿר נעמין דש. איין יהודי מיט נאמין שלמה ווייסקאפֿ מיט נאך איין גווישן הערן שון עטליכי טאג אלהיר אין פראג זיין אין טראכטין פֿלשי עדות ווידר הקצין ר׳ שמואל אויף צי ברענגין, אין מען האט אים אן פיל גווישי אָרטר גשפירט מיט אשת ר׳ אהרן רים, זא מיזין מיר נאטה וועדיג

---

[19] Appellationsrath Johann Josef Wrtby

[20] Lichtenstadt

[21] עיין Hock צד 137.

[22] שם צד 173.

[23] ג״ז שם צה 332 סימן 3123.

[24] שם צד 191 סימן 6210.

נאך פראגן אין פרנעמין איר טון אין לאזין אין אירה ווערק וויל ער זיך אך אָפּפענטליך גערימט הוט ברחובות ובשוקים, דש מען באלד ווערט הערן וויא עש מיט ר׳ שמואל טויסק ערגין ווירט, אין וויא ער אים ווערט בצאלין.

אין דער שלמה ווײשקאפּ וואר אין דער הערבעריג בייא דען בלינדען זעליג דושנית [25], זא גיענג הנעלה ר׳ הירש בן הרב ר׳ חיים ר״ט הנ״ל [26] מיט חכמה אנײן צו דען בלינדען זעליג דושנית אין גאב זיך קינן דען שלמה ווייסקאפּ ניט צו דרקענן אין זיך כלומר געשטעללט, דש ווען ער אך איין שונא ווער צו הקצין ר׳ שמואל טויסקי, אין נאהם דען ווײשקאפּ מיט זיך אין זיין הויז אהאם. זא גינגן הקצינים ר׳ אברהם ל״ש, ור׳ ליזר ור׳ גומפרכט לייטמריץ אויז צו פארשטן דען במעלטין שלמה ווײשקאפּ זייני מעשים, זיא פראגטן איהם וואש זיין פערלאנגן איז, אין ווארום ער זיך בעריהמט הט ווידר הקצין ר׳ שמואל טויסק אינשולדיגרווייש צו האנדלן, דא גאב זיא שלמה צו ענטפערט אין זאגט עש זייא אמת אין איז אין איין מבוכה גדולה, אין איך וויש אלש אין האב אלש אין מײנ הענד כחומר ביד היוצר, אין עס זייא ניט לנג דרצו, דש הקצין ר׳ שמואל אין איין גרוסן הזק געשיקט ווערדן, וואָ קײן יהודי איז, שנצין צו ארביטין און ווערט ימים ושנים זיטצן און ניט ווישן ווארום ויצעק ואין שומע.

אי דאך גיבטש מיר טויזענד גולדן זא וויל איך מיינע ווידר אים נפּירטי ביזי גדנקן ווידר צו גוטן גראנקען אומווענדן. דא דיא דרייא קצינים גזעהן אין גמערקט האבן, דש ער הקצין ר׳ שמואל דעש שקר בלביל להנאתו ולטובתו גמאכט האט, אין זיך דאדורך בערייכערן גזינד איז, אנטווארטען זיא אים בחכמה גדולה, זיא העטין דיזז ניט אין מאכט אליין צו טהון, בלתי ידיעות הקצינים ומנהיגי הקהלה, זיא וואלען זיך היום מיט הקצינים אינטררידן, אין מארגן מחויך לרהובות היהודים אים דיא אנטווארט זאגין.

אונטר דעשין הט דש אשת ר׳ אהרן רים גוואר ווארדן, זא לויפט זיא גלייך צו דען הערן שטל מיינשטר וועלכער מיט שלמה ווײשקאפּ, פין איהרה עקסילענץ גראף לאמבירג טיטול אהער געשיקט ווארדן, אין זגט אים, דש במעלטר שלמה ווײשקאפּ העט מגלה גוועזין אל זיינה סודות, אין דש מען אים משחד ווערט מיט געלט, אין דאדורך וואר אלי זיין ווערק אין טרחה בחנם. וויא דר שטלמיינשטר פין דיא גוטי אשת ר׳ אהרן רים דאש פּרנומן הט ער גלייך דען שלמה ווײשקאפּ צו זיך ברופן, פרשליעסט איהם בחדר מיוחד, אין ליסט וויטר קיין מענש צו איהם.

דרויף האבן האלופים הקצינים נאך ווין גשיקט הקצין ר׳ אהרן כ״ץ

---

[25] שם צד 78 סימן 6101.

[26] שם צד 137 סימן 4818.

דייטרליש [27] והאלוף ר' שלמה אחיו של הקצין ר' שמואל טויסקי [28] זהנעלהה ר' הירש בן הרב ר' חיים ר' טודרוס, צו זעהן וואש צו טהון ווער אין האבין איין שליה מיוחד לק"ק קעלין געשיקט להאלוף המרומם הרב מהור"ר ברוך אויסטרליץ חתן הקצין ר' שמואל טויסקי [29]. אין אים דיא זאכין מודיע געוועזין, דש ער זאל נוטווענדיג אהער קימען, בייא וואונען אין דער עצה וועגען זיין שווער הקצין ר' שמואל טויסקי.

וויא נון אבר דער שלמה ווייסקאפ אין דער שטלמיינסטר געהערט האבין דש דיא לייט אויף ווין גרייזט זיין, זא רייזין זיא גשווינד נאך, אין מכטין אין ווין אנשטלט דש מאן דיא משולחים גם תפסן זאל, וויא אבר דיא משולחים דיזז ערפאהרען האבן נעהמן זיא איהרען וועג נאך ק"ק שאפי [30] דיא גרענץ מעהררין אין איסטרייך אין האבן דיא ווינר רייז איין גשטעלט.

וביום ד' י"א טבת איז הרב ר' ברוך אויף פראג אן קומען זא איז אים ערצעהלט ווארדן וויא עס הער גיט, דא האט הרב ר' ברוך גליקליך נאך געפארשט צי ווישן ווער מיט אשת ר' אהרן רים צי דעם זעלבינן שטלמיינשטר אין שלמה ווייסקאפ גנגן איזט, זא האט זיך צו גטראגנען, דש איינר גזאגט האט, ער הט גזעהן, ר' מאדל מבערלין התן הקצין ר' ליב קרפלש ט"ה [31] וועלכער איין קרוב מיט ר' אהרן רים איז, ווער גנגן עם אשת ר' אהרן רים אין דיזי זכן צי דען ווייסקאפ.

נון גינגן הראש והקצין ר' יעקב ירושלמי והקצין ר' ליזר ווינר צי דען במעלטן ר' מאדל, אין אים שטרק צי גרעדט, נאש ער זיך גדענקט, ווארום ער דש טוט, אין גדענקט ניט אן השי"ב"ה אין פרלאזט זיין שווערש [32] גוטן פריינד, אין שטיט בייא די עצות פין זעלבי לוזן גזינדל, אין פר אלי מאל ווישן וויר וואול, דש דוא מיט אינן אינטרסירט ביסט. ווען דוא אבר אן השי"י ווילסט גדענקען זוג ניר ווש איז דיא פלשי אנשטלט אין שקר בלבול. זא זאגט דער ר' מאדל עס זיי אמת איך בין מיט זיא אינטערעסירט, אין בין אך געוועזן מיט אשת ר' אהרן רים אין הב גזעהן, דש זיא דען הערן שטלמיינשטר איין השובה גענזלעבר געשענקט האט אין איך האב פין דעם

---

27) שם צד 353 סימן 201?.

28) עיין אודותיו בהקדמה.

29) גם זה שם.

30) היא קהלת Schaffa אשר נתיסדה ע"י גולי אוסטרייך בשנת 1671 כאשר תמצא בספרו של החכם קויפמאנן על גרוש וויגא צד 177.

31) שרל בתו של ר' ליב קרפלש, שנפטר בשנת תפ"ה, נשאת לר' מרדכי מארל בן ר' אברהם רים ועיין מש"כ אודותיו החכם קויפמאנן בהערותיו לס' משפחות פראג צד 356.

32) Schwäher.

שטלמיינשטר גהערט ווי ער גזאגט האט דש אינטרשידליכי כתבים אויף ר׳ שמואל גפונדן זיין ווארדן אין וויִרד דעשטוועגען גוויש איין גפאַר ליידען מיסען.

ובעש״ק י״ג טבת שיקט הרב ר׳ ברוך איין שטופעט אן דר אשה אסתר אויף ווין אין איר צי ווישן גטוהן וואש דר ר׳ מאדל אויז געזגט הוט, וויא פלשי בריב אויף דען שוועך ר׳ שמואל זיין אויזגטראכט ווארדן. זא גינג דיא אסתר אין לאזט דען בריב וואש איהר הרב ר׳ ברוך צי גשריבן אויף טייטש אפשרייבן, אין ווייסט דען בריב בייא כל שרי מלכות וואש דער שלמה ווישקאפ פאר ביזי ווערק אין פראג גשטיפט הוט אין ליסט זיך אך מעמאריאל אין סופליקאציאנש אן אדונינו הקיסר יר״ה פערפערטיגען, אין זאלכי מעמאריאל מיט איהר אייגני הנד לאדונינו הקיסר יר״ה איבערגעבען, אין גינג צי איהרע עקסילענץ גראף לאמבורג אין אים דען בריב אך גוויזן אין דער בייא דער צעהלט, דיא ביזי מעשים וואש דער שלמה ווישקאפ אין פראג בעגנגן הוט.

דא נון דער גראף לאמבורג גזעהן, דש דיא ריד מהאשה אסתר אמת זיין אין דאש פלשי אנברענגין פין ווישקאפ איז ניקש אין פין פראג נישט גבראכט, דש זיין פלשי אנברענגין העט מהזיק גוועזען זא בפעלט דער גראף לאמבערג דאש מען דען שלמה ווישקאפ אין דיא רמור הויפטוואך [33] תפסין לאזין זאל. ובחסד השי״ב״ה האבין פיל שרים ושרות וועגען הקצין ר׳ שמואל צו גיטן ממליץ גוועזין דש אדונינו הקיסר החסיד יר״ה גרושה הכמים והשובים ונבונים אוהבי משפט אמת וצדק אין דען עסק משפט בחכמתם נאך צי פארשען אין קומסיאן געבען אב דש פלשי אנברענגין ווידר ר׳ שמואל אמת איז. אין דיזי זינד דיא גנעדיגי הערין קומיסאַרי, וועלכע דיא זאך מאדוננו החסיד הקיסר יר״ה, צי ערלייטערן אלירגנעדישט אויפגעטראגען.

דער ערשטי איהרי עקסילענץ גראף קינצקי קאנצלר טיטול מיט זיין קאנצלייא סעקרעטארי טיטול הער בעכינגי, אין א״ע גראף פערצילעני [34] הויף קנצר טיטול מיט זיין קאנצלייא סעקרעטער. הער קווארימענט [35] טיטול אין אירה גנאדן קריגס סעקראטער קאמפמיללער [36], אין עש וואר דרום אויז דער קריעגשקאנצלייא איין קומיסאַרי דערצי געבען ווארדן, אין דש אך הקצין ר׳ שמואל דורך בעלי מלחמות איז נתפש ווארדן.

---

[33] Rumor-Hauptwache שנתיסדה אחרי בא קרית בירת ווינא במצור פעם שנית, עיין Baermann, Alt und Neu Wien צד 846.

[34] Hofkanzler Graf Julius Bucelini.

[35] Quärient.

[36] Kriegssekretär Zacharias Mariophilus Campmüller ועיין מש״נ הח׳ קויפמאנן בספרו Urkundl. v. Samson Wertheimer צד 83.

ביום השבת י״ד יום לחדש טבת זיין אברמאלין כתבים מחיים טויסקי אין נאמין הקצין ר׳ שמואל אויף פראג קאמן וועלכי גלויטעט דש מן זאל שיקן צי הילף האלוף הקצין מהור״ר מאיר קדיש ר״ה [37] והנעלה ר׳ זעליג זינגר עה״ק [38] אין זיין איידאם הרב ר׳ ברוך אויסטרליטץ אין זיא נעמין איהר רייז נאך ווין.

דא זיא קומן אינטערוועג בייא דער שטאט נייא הויז [39] זיינ דורטן לייט פין ווינא אינז ענטגעגען קימן, אין זיא גזאגט דש דיא ערסטע משולחים נעמליך ר׳ אהרן כ״ץ ר׳ שלמה טויסקי, ור׳ הירש ר׳ חיים ר״ט אין ווין זיין נתפס גווארין, ווארי בער זיא זיך ענטזעטצט, אין הארט דערשראָקען, וויא אבער דערנאך פערנאמן האבן, דש עס שקר וואר, דש דיא ערשטי משולחים ניט נאך ווין זאנדרן נור ביז שאָפי גערייזט אין דארטן צי פערנעמין דען אויסשלאג.

זא רייזט הרב ר׳ ברוך ור׳ זעליג זינגר ג״כ ביז שאפי אין הקצין ר׳ מאיר קדיש ווארטעט אלזא אין דער שטאט נייהויז אויף אורדר וואס אים פין שאפי גשרובן ווערט פין הרב ר׳ ברוך ווא ער זיך אהין לענקען זאל. דא נון הרב ר׳ ברוך ור׳ זעליג נאך שאפי קימען פינדן זיא אלדארטן דיא ערשטי דרייא משולחים וועלכע שאן בריב אין הנדן גהט הבן פין חיים טויסקי בשם הקצין ר׳ שמואל, דש זיא אירה רייז נאך ק״ק ניקלשפורג נעמין זאלן, אין דארט עטליכי טאג פֿערבלייבען אין וייטרי אורדר פין חיים טויסק ערווארטן זא הוט הרב ר׳ ברוך גלייך איין שטיפעט געשיקט אויף נייהויז אין הקצין ר׳ מאיר קדיש דיש זאלכש מודיע גוועזין דא ארויף איז הקצין ר׳ מאיר קדיש אום גזיימט אויף ווין גרייזט.

דיא ערסטן דרייא משולחים אבר מיט זמט הרב ר׳ ברוך ור׳ זעליג זינגר רייזן אויף ניקלשפורג, אין פין דורטין רייזט ר׳ זעליג זינגר תכף נאך ווין, אין דיא ערשטן דרייא משולחים והרב ר׳ ברוך זיימטן אלדארט דיא אורדר מהקצין ר׳ שמואל ע״י חיים צי פֿערנעמין.

ביום ו׳ ד׳ טבת קומט אן אויף ניקלשפורג המשרת זלמן אצל האשה היקרה אסתר רוזינבורג אויף דיא פשט, אין ברענגט דיא אורדר מהקצין ר׳ שמואל, דיש עש זיך וואול ניט לאשט דש אלי בכלל זינדרן נור זיין ברודר שלמה אין זיין איידאם ר׳ ברוך אוסטרליץ אין ווין קימן זאל.

ובמוצאי שבת כ״ב טבת הט זיך הקצין ר׳ אהרן כ״ץ ור׳ הירש ר״ח ר״ט ווידרום צוריק אהיים נאך פראג בגעבין אין יום א׳ דרויף איז ר׳ שלמה

---

[37] עיין Hock צד 305 סימן 7439.

[38] שם צד 121 סימן 6695.

[39] Neuhauss.

והרב ר׳ ברוך מניקלשפורג מיט דר פאשט לחיים ולשלום נאך ווין גרייזט.
הקצין ר׳ מאיר קדיש איז צוואר ביום ב׳ כ״ג טבת בשלום אויף ווין קומן
אבר נויא ר׳ שלמה והרב ר׳ ברוך דען זעלבינן טאג אן דר ערשטי ווכט בייא
דער טורי קומן. אונ׳ אין מקום אניין הבין וועלין, הוט זיא במעלטי ווכט
אויף גהלטען אין תפוס גנימן, וועגן דער אנשטלט דיא דערפיר גוועזין איז
דיא פֿרגמעלטי דרייא משולחים צו תפסן.

זא הט ר׳ שלמה ור׳ ברוך אירה תפיסה תיכף אין מקום במעלטי
האשה אסתר רוזינבורג מוריע גוועזין, זא לויפט דיא אשה גלייך פֿין איינר
הוכי שררה צו דער אנדער אונט אויז געווערקט, דש הרב ר׳ ברוך ווייל ער
אינטער דיא דרייא ערסטי משולחים ניט מיט גמעלט וואר תיכף פטור גוואריין
אין ר׳ שלמה וועלכר איינער אויז דיא ערסטי דרייא איז בייא הערן
ווכטמיינשטר ליידנגט תפים געבליבין.

זא טהין הקצין ר׳ מאיר קדיש והרב ר׳ ברוך והאשה אסתר צו אליר
גנעדישטה הערין קומיסייערן דיא מאדונינו הקיסר יר״ה דעפיטירט איז ווארדן
פיספלינד אנלויפֿען, אין מיט וויינין גבעטין דש זיא זאלין ציזאמען טרעטין
דען עסק גרינדליך מפקה צו זיין כדי דערדורך אויף דען אמת צו קומן.
זא גאב השי״ת די לייט זעליקייט אין דיא אויגין דיא גנעדיגי קומיסיאן, דש
זיא בליל ד׳ כ״ה טבת פֿליישיג ציזאמין טרעטין אין הויז בייא אירה עקסילענץ
הערן גראף קינצקי טיטול.

זא האבין השרי׳ קומיססיאן טיטול להקצין ר׳ שמואל אויז התפיסה
צו זיך ברופין לאזין, זא האט ר׳ שמואל לויטר אונ׳ קלאר ערוויעזן דש
ער זיין טאג דעם ר׳ שלמה הלוי צו פראג ניט גזעהן האט זינדערן הקצין
הנ״ל זיך מיט ר׳ שלמה הלוי אין דער שטאט צנאם [40] בעגעגנעט האבין
זא האט הקצין ר׳ שמואל זיין וועג נאך ווין גנומן ור׳ שלמה הלוי נאך
פראג בגעבין.

זא הקצין ר׳ שמואל לשרי קומיססיאן אום גאטיץ ווילין גבעטין מאהר
אז דער אמת קלאר פראבירט אין נור איין פֿלשים אנברעננין דיא גנעדיגי
הערן קומיסארי גנעדיג גריהען אין בליבין מעכטן דעם ר׳ אהרן ריס ג״כ צו
תפסן ווילן ריס מיט דען במעלטן ווישקאפ מיט איינגדר דען פֿלשין שלום
נינגן אים ערדיכטט האבין אין וועז ער ג״כ לתפיסה קומן ווירט ער האפֿ־
פֿענטליך דיזו בקענן זא ווערט די ליבה וואהרהייט דעשטא בעשר אן טאג
אין אן ליכט קומן.

זא האבין דיא שרי קומיסיאן יר״ה להקצין ר׳ שמואל זיין גהרזאמבש־
ביטן אין ביגערין פֿיר גוט ערפֿינדען אין האבן גלייך הוך גנעדיג בפֿולין דש

(40 Znaim

מן דען ריז אלוא גלייך זאל תפסן, זא הט מען דיא פּעליני נכט ר׳ אהרן ריס גזיכט אליר אורטן מען הט אים אבר ניכט גפינדן וויל ער זיך היימליך פערשטעקט אין פערבארגן הוט, דאך אבער דען זעלבינן יום ד׳ אין דער נכט כ״ו לחדש טבת הט מען אים גפינדען אין איהם דיא נוכט אן גגריפן צו תפסן זא ווערפּט ער אויז זיינה ארמיל גשווינד ארויז צווייא גווישי בריב אין פרברענט זיא צו אַשין פר אויגין דיא זעלביגי וואכין אין דיא אנדרי כתבים דיא ער בייא זיך גהאט האבן זיא פין אים וועג גענומן אין האבין אים תפוס גפיהרט אין שטאקהויז [41].

והכתבים של הקצין ר׳ שמואל האט מן נאך פראג גשיקט צו הנד איהרע עקסילענץ הערן הערן אפלציאן פרעזידנד זעלביגי כתבים צו געביך דען גנעדיגין הערן גראף הרברשטיין [42] אפולציאנסראט טיטול וועלכע כתב ולשון היהודים גנץ וואול קען, דרמיט דערזעלביני דיא יעניגי כתבים דורך לייאנן זאָל, אין דהויז אליין איין הלט ווירט ערזעהן קענן, דערדורך ווירט מען ווישן אוב הקצין ר׳ שמואל טויסקי דיא אוב מעלטי אן גיגעבעני קורשבדעניך יוא אדער ניט וואר זייא.

נון וואר צו דערזעלבגער צייט איבעראוברט אין איינגענומן ווארדן דיא שטט פאסוי [43], אין אויך דעז שלאס אוברהויז פין פ׳ יארפּערש צו הילף דעם קאָניג אין פרנקרייך דא וואר איין גרושיר טומיל בייא גנין קייזרליכען הוף דיש דיא הוכי מיניסטר ממש ניכט צייט נעמין קאָננען דיש שפיילך אויז דען מונד צו ווערפען מכל שכן אין יידישי עסקים צו געשעפּטיגען. זינדרן אליין דורך גרושן אנלויפן אין ביטן וואיש הקצין ר׳ מאיר קדיש ר״ה יצ״ו והרב ר׳ ברוך הלוי גברוויכט הבין אן דיא הערן קומיסארר וויא אך דיש הגאון הגדול המפורסם ר׳ דוד אופנהיים אב״ד דקהלתנו פראג זער מפציר גוועזין אונ׳ שטיק גבעטן אן זיין מחותן הגאון הגדול הרב השתדלן המפורסם פאר הדור מו״ה שמשון ווערטהיים דיש ער בעסק זה צו איהרע עקסילענץ הערן הערן גראף פּערצילעני הוף קאנצלר טיטול גין מעבטי היט זיך הגאון ר׳ שמשון הנ״ל אן גלעגין זיין לאזין אין גלייך גנגין אין אים גאטש ווילען גבעטין דיש ער איילפּרטיג דרויף טוהן זאל דיש משפט פין הקצין ר׳ שמואל צו ערלייטערן אין צו ערקלאָרען.

דא ארויף זיין דיא שרי קומיססיאן יום ב׳ ר״ח שבט ווידר צין אנדרן מאלס צו זאמן געטרעטען זא האט הרב ר׳ ברוך אינטערטעניג גבעטין וויל

---

[41] Stockhaus.

[42] Graf Herberstein.

[43] ביום 11. Januar 1704 למספּרם נלכדה העיר פאססויא ע״י חיל באיערן ושר צבאם Graf von Tattenbach עיין מש״כ Erhard, Gesch. d. Stadt Passau I, 270 וגם מצודת Oberhaus מול פאססויא היתה לבז.

זיין שווער ר׳ שמואל אין דיא שטאט ווין בייא כל שרי מלכות אין גיטען רוף וואל בעקאננט איז דש מען אים ניט דורך דיא שטאט מיט בעלי מלחמות פֿיהרען זאל דען עס ווער אים איינע גרושי חרפה, אלזו איז הרב ר׳ ברוך זיין בקשה בוויליגט אין אנבפֿולין ווארדן דש דר וכטמיינשטר ליידננט אין איין גדעקטין קרעטין מיט ר׳ שמואל צי דר קומיססיאן פֿארין זאל.

אבר שלמה ווייסקאפ ווערט עפנטליך בהרפה ובושה מיט פֿיל בעלי מלחמות צי דער קומיסיאן געפֿיהרט. דיא קומיססיאן לאזין דען שלמה ווייסקאפ צינערשטין פֿאר אין טוהן איהם מיט גרושה הכמה איבר ב׳ שעות לנג עקסאמינירען, אירה שאלות אין זיינה דרויף געגעבענע תשובה ווישן וויר עד היום ניט, זונדר אליין ווי מען האט פֿרנימן זא האט ער זיך אליין פֿר רעט, דש די הערן קומיסארי זיין פֿאלש אנברעננגן מיט גרושה הכמה גלייך פֿרמערקט האבן. אחר זה הבין הקצין ר׳ שמואל עקסימינירען וואלין, זא הט גלייך אירה דירכלייכטיקשטה אינזרה אליר גנעדיגשטה קייזערין באותו פעם אום איהרה עקסילענץ גראף קינצקי אלש צי דיזר קומיסיאן רעקטאר געשיקט זא ווארן נון דיא הערן קומיסארי פֿין אנגדר גנגגין אין מען פֿיהרט הקצין ר׳ שמואל ווידר אום עקסימינידט אין דיא תפיסה. יום ה׳ ד׳ שבת זוירט אין דען עסק צי דריטטן מאל קומסיאן גהאלטן אין אברמאלין בעמעלטין שלמה ווייסקאפ, פֿין ערשטן פֿרנומן אין קינן איין הלבי שעה ווירט עקסימינירט אין נאך זיינר הוט מן הקצין ר׳ שמואל פֿרנומען והקומיססיאן יר״ה האבין איהם דיא פלשי בריב פֿרנצייגט עד זאל דריבר ריד אין ענטפֿרט גיבן.

וויא ר׳ שמואל דען פלשין בריב אנפֿנגט צי לאיינן אין פֿינד דארין אלש זיך ר׳ שלמה הלוי צי פראג בייא אים אין הויז אויף גהלטין האבין זאלט זא היבט ר׳ שמואל פֿין העליר שטים אויז גרושן עוית צי שרייען אין צי ווינן אינ׳ זאגט, איך מאג שון ווייטר ניקש לייאנן זונדרן ווען דיא אייניגי פינקטע נור וואר איז דש שלמה הלוי זיך גאר אין זיין הויז בפֿינדען אדער איך צי זעלבינע צייט בין צי פראג גוועזן, גיב איך מיר זעלבשטן שולדיג אין וויל פֿין הערצין גערן ליידן.

זא האט די קומיססיאן הקצין ר׳ שמואל אין הערצן גרעט וויל דר ווייסקאפ איין ארמער מאן איז אינ׳ ניט צי צערין האט, דש ער זאלטי איהם אין דער תפיסה זיין אינטרהלט געבין, דאש האט הקצין ר׳ שמואל לכבוד דיא הערן קומיסארי איינגוויליגט אים אלי טאג מיט עשרה צ״ל צו פֿרפֿלעגין.

באותו פעם וואר הקצין ר׳ שמואל ואחיו ר׳ שלמה פֿין דער קומיססיאן פטיר אין לוז שפראכען קינן ערבים באופן ובתנאי ווען מען אים ווידר פרלנגן ווירד זאל ער זיך ווידר שטעלין מיסן, אינ׳ דער בייא דען טיטול הערין סעקריטארי בעכינגי אנגבפֿולין דיזע עקסימינרונג, וויא אך דריבר געמאכטען שלום צי פפיר צי ברעננען, ולאדונינו הקיסר יר״ה איינצירייכען זיינה העכשט

גילטענדי השכמה אַליגנגעדישט צי צו געבן. וויילן אבר באותו הפעם הער סעקריטארי בעכינני אין פיל קייזרליכע עסקים בלאדנט איז גוועזן, וואר דיא זאך פֿרהינדרט ווארדען, אין ניט פֿרפֿרטיגן קענן. ביז אליר ערשט י״ב שבט האט אירה עקסילענץ הער גראף קינצקי יר״ה דען אויף אין מיט פעליגער קומיססיאן אונטרשריפֿט לאדונני הקיסר יר״ה איינגעהענדיגט אין ווילן אדונינו הקיסר יר״ה הקצין ר׳ שמואל בייא דיזן פֿלשין אנברענגין פֿר ריין אין רעכט בפֿינדן זא האט ער תיכף מסכים גוועזן מיט דער קומיססיאן איר שלום.

וביום ה׳ י״ה שבט האט אדונינו הקיסר יר״ה דען אויף זאין מהקומיססיאן דען גראף קינצקי ווידר איינגהענדיגט גלייך דרויף שיקט דער גראף קינצקי צי הערן סעקרעטארי בעכינני דש ער זאל דש כתב ערבות צי פפיר ברענגן אין די ערבין דרויף אונטערשרייבין לאזין זא זעצט ער אויף דש כתב ערבות אין שיקט נאך הרב ר׳ ברוך אין גאב אירם דיש נתב ערבות דש ער זאלש אינטרשרייבן לאזין.

דש ווערט אינטרשריבן פֿין הקצין ר׳ שמואל טויסקי זעלבשטן, ומהקצין ר׳ מאיר קדיש, ור׳ שלמה אחיו של ר׳ שמואל ומהרב ר׳ ברוך אוסטרליץ, מהאשה אסתר רוזנבורג, ור׳ יודא שיק ור׳ זעליג זינגר נאך דיזן גשעהנן ערבות איז די זאך צי הערן קאמפמילר קריגססעקרעטארי, געשיקט ווארדן דש ער וויטר אן מיטול קומענדנטין מארקעז אביין איין שריפֿטליך בפֿעהל ערגין לאזין זאל הקצין ר׳ שמואל ואחיו ר׳ שלמה פטור צי לאזין.

אבר הער סעקרעטאי קאמפמילער האט דיזז אן פֿרוויזן אירה דורכ׳ לויכט פרינץ אביעני [44]) קריגשפרעזידענד מיטיל יר״ה, וייל ר׳ שמואל דורך משפט בעלי מלחמות לתפיסה קומען איזט ניט טוהן וואלין, אין שיקט דען זעלבינן שריפֿטליכען פטור צי הוך גדאכטען מיטול הערן פרינץ צי איבער־לייאנן.

במעלטר פרינץ אבער וואלטי זאלביש ניט לאזין פֿרפֿרטיגן זונדרן דיא קומיססיאן זאל אים ציפֿאָר דען גאנצען פֿעליוף מתחלה ועד סוף שריפֿטליך געבן, וויא נון דיזה געשעהן איז זא וואר דער פרינץ יר״ה מסכים ובליל א׳ אור ליום ב׳ כ״א שבט וואר הקצין ר׳ שמואל ואחיו ר׳ שלמה פטור מתפיסה גווארדן, זא שיקט הקצין ר׳ שמואל גלייך מיט איין אייגני קאריר הנער החתן זעלקי בן ר׳ שמעון בענדינר נאך פראג אין שרייבט זעלבין דיא בשורה טובה דש ער פטור איז גווארדען וביום ד׳ כ״ד שבט וויא החתן זעלקי אויף פראג קומן איז, וואר גרושה שמחה וששון אין דער גנצי קהלה.

באותו יום ד׳ כ״ד שבט איז הרב ר׳ ברוך ור׳ שלום אחיו של הקצין ר׳ שמואל פֿון וויז אַבגרייזט נאך פראג, זא האט הקצין ר׳ שמואל מיט זיא

---

[44]) Prinz Apponyi.

אין דען עסק שקר בלבול גערעט, מאחר דש ער איז נור אויף ערבות פטור זא מיז מען נאטווענדיג דער צו טהון דש מען להשררה יר"ה קלאר ווייזען דס עס איין שקר בלבול איז.

אלש בפעלט הקצין ר' שמואל זיין במעלטן ברודר אין איידם דש זיא עס האלופים הקצינים בק"ק פראג צו רידן אין איננן בעטין דש זיא זאלין ר' מאיר בן ר' יקותיאל הכהן אתרוגים ברעננער [45], וועלכער איין גשיט אין וויט גרייזטער מאן, אונ' בקי אין לשונות אין ווייש וועג אין שטעג. אים שיקן אין דער שטאט באזיל ליגט סמוך למדינת צרפת אונ' אין אנדרע מער קהלות הסמוכים אום זעלביגע לייט וועלכע די פלשי כתבים געשריעבען האבן זאלין, אין דיא שטאט באזיל ציטירן לאזין אין זיא אלדארט במשפט ובשבועה אפהערין לאזין אין פין במעלטין משפט כתוב וחתום ברעננען ואל, וויא זיא על פי השבועה זאגין ווערן אוב זיא זאלכי בריב יוא אדער ניט גשריבן האבין.

נאך דיזן אינטררייידונג דש נון הרב ר' ברוך ור' שלמה אפרייזן וואלין קומט גלייך נאך ווין דען גוטען ר' אהרן ריס זיין ווייב מיט איהרן זין הבחור שמעון צו פרנעמין, וויא עס מיט אירעם גוטען מאן בעשטעלט איזט, אבר הרב ר' ברוך ור' שלמה זיין פארט אפגערייזט אין קימן אן לק"ק פראג ביום ועש"ק כ"ו שבט אין האבין האלופים הקצינים דיא ריד פין ר' שמואל פר-געטראגן זא האבן האלופים הקצינים מיט דיזע עצה מסכים געוועזין, אין ביום ה' ט' אדר ראשון איז במעלטר מאיר אתרוגר אפגשיקט ווארדען.

אינטרדעם גינג הקצין ר' שמואל צו אלי שררות בפרט צו דיא אים פראורדינירטי הוכי קומיססיאָן אין זיין אינטרטענינן דאנק ביליג מעסיג אפ-געלעגט אין געבעטין זיא זאלין אן מאָס געבן אין דעם עסק וויטער נאך צו פארשען, כדי זיין גערעכטיגקייט אן טאג געבראכט ווערדן קענט אין זיין וועג לק"ק פראג נעמין אין איז גלייך אן אסתר תענית לשמחת פורים לשלום לביתו קומן.

זא וואר אין דער קהלה אונערשרייבליכי שמחת פורים אין געבין צו השיב"ה שבח והודאה אויף דען נס גדול להקצין ר' שמואל ולכל עדת בני ישראל איז גשעהן.

ובסוף לחדש אדר שני קימט ווידער צוריק מאיר אתרוגר אונד ברעננט כתוב וחתום מהמושל לנדפאָגט אויז דער שטאט באזיל דש די זעלביגי יהודים פין טורניך אין העניגויא האבין איין שבועה אבגעליגט דש דעש זיין אייטל פלשי כתבים דש זיא מעולם ועד היום הזה קיין רמז ורמיזה גהבט האבן אין

---

45) שם אשתו קרינדל ובנו יששכר בער תמצא אצל Hock צד 26 סימן 6747 ושם סימן 6740 ובשם אתרוגר יכונה על שם משאו ומתנו להביא אתרוגים לחג הסוכות מדי שנה בשנה.

דש זי ר׳ שמואל טויסקי ניט אמאל קענען, אין דש דיזיז הינטרריקס איהרר אויף איהר שלאף גשריבן גווארן וועלכש שקר ושוא אין אויס דען פֿאלשן בריב וואס ליב טירנך [46] כ״ד איקטוברש אן שלמה ווישקאפ גשריבן זאל האבן, דעש קלאר ליכט נעבט אין דעם אין זעלביגי בריב שטעהט דש ער ליב טורנך העט ניט פֿיל צייט צו שרייבן וויל ער גאטוועגדינ אויף סאלדוס אויף דען מארק רייזן מוז, אין דיא זעלביגי צייט איז כלל אין סאלדוס קיין מרק. נון וויא מאיר אתרוגר דיעז כתוב וחתום גברכט הוט זא רייזט יום א׳ ר״ח ניסן הקצין ר׳ שמואל עם מאיר אתרוגר ווידר נאך ווין אין גאמין כתבים מבאזיל מיט זיך אין איבגבן דיא כתבים אן דיא הוכי קומיססיאן יר״ה, אין הקצין ר׳ שמואל פֿרלנגט אין בעטיט וויל ער דורך דיא כתבים זיינה גרעכ־טיקייט קלאר מברר איז, מען זאלטי זא וואול אים אלש אך זיינע ערבים אפסאלווירען עש הוט זיך אבר עטליכע טאג פֿערציהען, אי זיך השרי קו־מיססיאן יר״ה אין דיא זעלביגע כתבים אויז דער שטאט באזיל ערקלערט האבין. זיא הוט הקצין ר׳ שמואל גלייך בליל ראשון של פסח וועגען זיינע אויזגעשטאנדין צער פחד ובהלה דעש חולי קדחת ל״ע שטרק אנגריפֿין אין עטליכי וואכען שטארק געקרענקט איג׳ אין ווערנדר זיין קראנקהייט ברענגט דען גיטן רים זיין וויב איין כתב ערבות על סך עצום וועגען איר מאן, דש עד מיט ר׳ אברהם אויסטרליץ וועלכע ג״ב תפוס גווארן מיט הקצין ר׳ שמואל במוצאי שבת ר״ח אייר אויס דער תפיסה פטור גווארדן. וויא נון הקצין ר׳ שמואל ווידר צו זיין גזינד קומן איזט הוט ער אברמאלין בייא דר הויכי קו־מיססיאן יר״ה שטרק גבעטין אין לאמענטירט, מען זאל אים אין זיינה ערבים אפסאלווירען אין דר בייא דיא פֿלשי עדים הינקיגען מיט איין וואולפֿרדינטי שטראף צו בעליגען.

זא הוט אדונינו הקיסר יר״ה יוני אלף תש״ד למספרם שהוא יום חג דשבועות תסד״ל אן השררה שטטהלטער יר״ה איין אלירגנעדישט בעפֿעל ערגין לאזין דש הקצין ר׳ שמואל ווירקליך אפסאלווירט איזט מיט זיינה ער־בים אין ער איזט גניץ ריין און גרעכט, אין אלי אנגבראכטי זכין אליש אויף אים פֿלש איז בפֿינדן דש דישטי ווענין דיא שטטהלטר יר״ה ווייטר גנעדיג בפֿעלין זאל בכל בתי כנסיות פה פראג עפֿנטליך בובליצירען צו לאזין אין אך אן שרי אפלציאן יר״ה איין אפזונדרליכש אלירגנעדישט בפֿעהליך ערגין לאזין דש זיא ווידר ר׳ אהרן רים אויף זיינה זא וואול נגד הקצין ר׳ שמואל טויסקי אלש אך אין עסק משפט מיטווליג בעגנגנה זיופים משפט חרוץ מהון זולין, אין דער בייא דער רמור הויפטמאן אין ווין גוועסנער שלמה ווישקאפ הוט מען דען שטאטגריכט אין ווין מוסר גוועזיז, דש זיא אים אויף

---

[46] Loeb Tournai im Hennegau.

זיין פלשים אנברענגין נגד ר׳ שמואל זיין פרדינטן פסק מכין זאל והקצין ר׳ שמואל אים זיינה אובן גמעלטן אינטרהלט עשרה צ״ל אלי טאג ווייטר גימר געבען דרף וועלכי קיסרשי בפעליך נאך הקצין ר׳ שמואל אנקינפט אין פראג אויז בפעל שטטהלטרייא יר״ה כ״ו יוני שהוא כ״ד סיון בשבת שלאחריו בכל בתי כנסיות ביבליצירט ווארדן, זא הוט הקצין ר׳ שמואל נאכדעם דיא אלטשיל דיא דורך זיין שתדלנות ערעפנט גווארדן, אויזפיצין אין אויז וויסין אין מיט שאהני ציורים מאלין לאזין דש ממש איין מקדש מעט איז אין מיט האלופים הקצינים על פי הגורל אלי שטעט אויזגטיילט ובעש״ק ט״ו מנחם בשמחה ובששון מיט פיל חזנים וכלי זמרים מחנך ומקבל שבת דרינן גוועזין, ולמחרתו בשבת נחמו הוט הגאון הגדול המפורסם אב״ד דקהלתנו מוהר״ר דוד אופנהיים נר״י איין דרוש נפלא דרינן גדרשנט, ובאותו פעם איז מגדולי הקהלה פיל גדרים ונדבות לכבוד הבית גפאלין, אין השיב״ה שבח והודאה געגעבין על כל הטובה אשר עשה לשמואל עבדו ולישראל עמו.

אין דר זעלביגי צייט הוט אירה עקסילעניך הוף קאנצלער גנעדיג אן בפולין דען רמור הופטמאן דעם בעמעלטן ריז מיט זיין וויב אויז צו זוכען אין זיא אויז דער שטאט אויז צו פיהרען דש זיא זאלין זיך ניט מער בעיר מלוכה ווין פינדן לאזין, וויא נון אבר דער ריז פין דיזי בפעל ערפארין זא הט ער זיך היימליך אויז ווין ארויז גמכט אין זיין וועג אויף בערלין אין זיין פטרלאנד גנומן ווא ער נאך דא איז אין וויל ער זיך זעלבן אין אונרעכט וויש זא טרויט ער זיך פין אלדארט ניט וואול אוועק צו רייזן אבר זיין גוב וויב איז גלייך מיט רמור קנעכט אויז דער שטאט געפיהרט ווארדן.

אונ׳ אין צווישן דש דאש שטאט גריכט בעיר ווין המשפט של שלמה ויישקאפ אינטרזוכט האבן, זא איז בעו״ה ביום ג׳ י״א אייר תסה״ל שהוא ה׳ מייא אלף תש״ה למספרם אונס אונזרי קרון פין אונזר הויפט גפאלן דש אונזר אלירגנעדישטר קיסר לעאפאלטוס פאן דיזר וועלט דאס צייטליכע גזעגנט גנומן און זיין הייליגע זיל ווידרום צו גאט דעם אלירהעכסטן גווענדעט, אזו וואר אונטר זיין גנצין גביהט אינטר אלין לייטן פין גרושן ביז קליינשטן איין גרושי קומיר טרויר אין קלאג. גאט דער אלירהעכשטי זאל אים בייא דענען פאר אים גוועזני קסריות דיא אייביגי רוא געבין, אין נאך זיין צייטליך גיזעגנים איז זיין זון המלך יוזיפוס בחכמה ובדעת ובתבונה ממלא מקומו השיב״ה זאל איהם זיין וועג טהון אין לאזין לאורך ימים טובים מצליח זיין ויצליח בכל אשר יפנה ויפיל כל שונאיו תחת כפות רגליו אמן.

ובתשעה באב תסה״ל שהוא יום יוליאוס אלף תס״ה למספרם איז המשפט של שלמה ויישקאפ עבען צו ענדע גנגין, אין הוט פין משפט איין פסק הרוץ בקומן דש ער אויף ג׳ שנים אין שטאט גראבין בעיר מלוכה ווין אין אייזן אין בנד זאל ארבייטן.

איהם דש לנד אישטרייך אויף עוויג. פרוויזן זיין זאל.

נאך דיזן גליקליכן אפלויף הוט הקצין ר׳ שמואל טויסקי עם כל בני ביתו וכל אוהביו והגלוים אליו אויף זיך מקבל תענית גוועזין בכל שנה ושנה מעתה ועד עולם בכל פעם כ״א שבט דש ער ת״ל ווידר בשלום פטור ווארדן וליתן בכל פעם כופר נפש אין אלימאל צו דיזער צייט אין דערזעלביגי נכט פורים צו מאכען זיך משמה צו זיין באכילה ובשתי׳ ובשמחה גדולה אונ׳ קדם השיב״ה שבח והודאה צו געבין על הכוס יין, אויף דען גרושן נס וואש השיב״ה ברחמיו ובחסדיו גטוהן הוט להקצין ר׳ שמואל וכל בית ישראל מציל גוועזין ממות לחיים, דש ביליג השיב״ה צו לובן אין אך עפנטליך ווישן צו מכין דר גנצין וועלט גרוש חסד מאדונינו הקיסר יר״ה, דער איטליכעם בייא זיינר גרכטיגקייט זיין אלירגנעדישטן האָכשטן שוין פליגעל שפרייאט, אונ׳ איז אך דעשטוועגין דיא מגילה דען עולם צו נאך ריכט אין איטליכען צו גוטן דעם עקסעמפעל אין אפענטליכי דרוק אויז גגנגין כדי איין איטליכיר פיר אינזרן אלירגנעדישטן קיסר מתפלל זיין זאל שיראה זרע ויאריך ימים על מלכותו ועל ממלכתו עד עולם ובא לציון גואל אמן.